בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת כי תשא
יח אדר א'
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 21
(73)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שבת קודש פרשת תרומה, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. אינדערפרי נאכ'ן דאווענען ביים 'קידושא רבא' האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש 'סיפורי מעשיות', מעשה יא, מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו.

אין קורצן פון פריער

דער אמת'ער בן מלך איז אנגעקומען צום מדינה וואו דער מענטש פון וואלד האט אים געזאגט ער זאל אהין גיין, אבער מען האט אים נישט געוואלט אריין לאזן, נאר אויב ער נעמט זיך אונטער אויסצוקערן צו דעם מדינה - וואס מען רופט יעצט **"דאס קלוגער לאנד און דער נארישער מלכות"** - איר אלטן נאמען **"דאס נארישער לאנד און דער קלוגער מלכות"**. דערציילט דער הייליגער רבי, וויבאלד ער איז שוין געווארן א 'מבין דבר מתוך דבר', האט ער זיך עס אונטער גענומען. האט מען מודיע געווען פאר די שרים אז מען האט געפונען א מענטש וואס נעמט זיך דאס אונטער. האבן אים די שרים געזאגט: מיין נישט אז מיר זענען נישט קיין חכמים, נאר דער קעניג וואס איז געווען פריער איז געווען אזא גרויסער חכם וואס אקעגן אים זענען מיר געווען נארנים, דערפאר זאלסטו וויסן וואס דו נעמסט זיך דא אונטער.

## צעקלאפט און צעשלאגן

זאגן זיי אים ווייטער: מיר ווילן דיר פרואוון אויב דו ביסט טאקע אזא גרויסער חכם; עס איז דא א הערליכע גארטן, וואס אלעס איז דא דערין, נאר מען קען נישט דארט אריין גיין, גלייך ווען מען גייט דארט אריין הייבט מען אן צו יאגן, מען יאגט און יאגט, די מענטשן ווייסן נישט ווער עס יאגט, ביז מען מוז אנטלויפן פון דארט, און לויפנדיג ווערט מען צעקלאפט און צעשלאגן, דערפאר אויב דו וועסט קענען אריין גיין אין דעם גארטן געבט מען דיר איבער דאס מלכות.

## אלעס ווענדט זיך אין דעם מענטש

איז ער געגאנגען צום גארטן און געזען ווי נעבן דעם גארטן שטייט א מענטש, זייענדיג א 'מבין דבר מתוך דבר' האט ער פארשטאנען אז אלעס ווענדט זיך אין דעם מענטש, אז מען שטעלט זיך נעבן דעם מענטש ווערט מען נצל, און נאכמער, אז מען זאל אריין שטעלן דעם מענטש אינעם גארטן וועט יעדער איינער קענען אריין גיין בשלום אינעם גארטן.

דערציילט דער הייליגער רבי ווייטער:

האט ער זיך אויפגיהויבין און איז אריין גיגאנגען אין דעם גארטין אריין. און תיכף ווי מע האט אים אנגיהויבין צו יאגן. איז ער גיגאנגען און האט זיך גישטעלט לעבין דעם מענטשן וואס סע גישטאנען לעבין דעם גארטן פון דרויסן און דורך דעם איז ער ארויס בשלום און סע האט אים גאר ניט גישאט ווארין אנדערע אז זיי זענען אריין גיגאנגען אין דעם גארטין און מע האט זיי אנגיהויבין צו יאגין. זענען זיי אנטלויפין גיווארין מיט גרוס בהלה זייער. און זיי זענען גישלאגין גיווארין דורך דעם. און ער איז ארויס בשלום ושלוה. דורך דעם וואס ער האט זיך גישטעלט לעבין דעם מענטשן.

## די לעבן גייט דורך בשלום

מיר האבן שוין גערעדט, אז דער 'מענטש' גייט ארויף אויפ'ן 'צדיק', אזוי ווי דער פסוק זאגט (קהלת יב, יג): **"כי זה כל האדם"**, א צדיק ווערט אנגערופן מענטש (עיין ברכות ו:); אז א מענטש שטעלט זיך זיין גאנצע לעבן נעבן א צדיק, - ווערט מען נישט פארזאגט אדער אריין גערעדט אין מחלקת, דאס גאנצע לעבן גייט דורך בשלום.

און די שרים האבין דאס גיזעהן און האבין זיך זייער פארוואונדערט. וואס ער איז ארויס בשלום. דערנאך האט ער גיהייסין (דהיינו דער אמתיר בן מלך האט גיהייסין) אז מע זאל נעמען דעם מענשן. און מע זאל אים אריין שטעלין איניווייניק אין דעם גארטן אריין האט מען אזוי גיטאן. אזוי זענען אלע שרים אריין גיגאנגען אין דעם גארטין אריין און זיי זענען זיך דארט דורך גיגאנגען און זענען ארויס בשלום.

האבין זיך די שרים צו אים אנגירופין. פון דעסט וועגין פארט האטשע מיר האבין פון דיר גיזעהן אזוי א זאך. פון דעסט וועגין פארט. פון איין זאך וועגין. קומט דיר נאך ניט אפצוגיבין די מלוכה. מיר וועלין דיך פרובן נאך מט איין זאך.

## יעצט ציען זיי צוריק

מוהרא"ש זאגט (ספר נהרי אפרסמון) אז דאס איז געווען א מורא'דיגע רשעות, זיי האבן דאך געהאט צוגעזאגט אויב ער וועט קענען אריין גיין אינעם גארטן געבט מען אים איבער דאס מלכות און יעצט ציען זיי צוריק, יעצט זאגן זיי אז מען דארף אים פרואוון מיט נאך א זאך. דער אמת'ער בן מלך האט זיי דאך געוויזן א וועג ווי אזוי דורך צו גיין די גארטן - וואס גייט ארויף אויף די וועלט - בשלום, אן זיך צעקלאפן, אן זיך יאגן און אן זיך קריגן, צוליב דעם אליינס איז דאך שוין גענוג מען זאל אים אפגעבן דאס מלוכה.

## וואס איז געווען מיין כח?

ווען איך בין מקורב געווארן צו היכל הקודש, האט מען גערעדט צו מיר כל דבר האסור אויף מוהרא"ש, אזוי ווי מען רעדט נאך היינט לשון הרע, מען האט חוזק געמאכט וכו', וואס איז געווען מיין כח ווי אזוי איך האב זיך דערהאלטן? איך האב געקוקט אויף איין זאך: איך האב געטראפן איינעם וואס געבט מיר דעם וועג ווי אזוי דורך צו גיין די וועלט בשלום - איז דאס מיר גענוג; זייט איך האב זיך אנגעהויבן דרייען אויף דעם פלאץ איז מיר דאס

לֶעבְּן גֶעוָוארְן זִיס, דִי טֶעג זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן גֶעשְׁמַאק, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען אַ חַיוּת, אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן 'שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

## אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

נֶעכְטְן בַּיים בָּאטֶע הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דָאךְ גֶעלֶערְנְט אִין כּוֹלֵל, אוּן בַּאקוּמֶען הוֹרָאָה אוּן שִׁמּוּשׁ צוּ קֶענֶען פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת, וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּגֶעגֶעבְּן אִין לִימוּד הַתּוֹרָה. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַוַודַאי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אִין כּוֹלֵל מִיט מַיין חַבְרוּתָא, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אָן אַ צַדִיק אִיז דִי גַאנְצֶע לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט זִיךְ אַ לִימוּד, מֶען גֵייט צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען גֵייט זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַ חָכְמָה. אַ טָאג וָואס אִיז דָא כּוֹלֵל אוּן דֶער חַבְרוּתָא אִיז דָא - לֶערְנְט מֶען, אָבֶּער וֶוען דֶער חַבֵר קוּמְט נִישְׁט, אָדֶער אִיךְ קוּם נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ פְרַייטָאג, שַׁבָּת, חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן - אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין כּוֹלֵל, דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אִין דִי שָׁעוֹת וָואס אִיז נִישְׁט דָא כּוֹלֵל, אָדֶער אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם לִימוּד, לֶערְנְט מֶען נִישְׁט וַוייטֶער, יֶעצְט קֶען מֶען שׁוֹין שְׁמוּעֶסְן... דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס טוֹיג נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען וַוייל אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, זֹהַר, מֶדְרָשִׁים אוּן הַלָכָה

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיךְ פְלֶעג לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, זֹהַר, מֶדְרָשִׁים אוּן הַלָכָה, הַיינְט בִּין אִיךְ שׁוֹין פַארְנוּמֶען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אִיךְ זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען שְׁטֶערְן זֵיי מִיר פוּן לֶערְנֶען, קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל.

## אִיךְ דַארְף אֵיין זַאךְ

אֵייבִּיג וֶוען מֶען פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ, מִיט דִי אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת: "**וֶוער זָאגְט עֶר אִיז אַ צַדִיק?**" הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ דַארְף אֵיין זַאךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען דוּרְךְ גֵיין דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, דָאס אַלֵיינְס אַז מוֹהֲרָא"שׁ קֶען מִיר מַאכְן דוּרְךְ גֵיין דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה - אִיז מִיר גֶענוּג, מֶער פוּן דֶעם דַארְף אִיךְ נִישְׁט'.

## דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען אַוֶועק...

וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט: "**דוּ וֶועסְט סֵיי וִוי אַוֶועק גֵיין פוּן דָא, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען אַוֶועק...**"; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אָבֶּער פַארְוָואס מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, קֶען זַיין אַז דִי וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען וַוייל מֶען הָאט זֵיי אִיבֶּער גֶערֶעדְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ פְלִיט אִין הִימְל, אוּן נָאךְ עֶנְלִיכֶע זַאכְן, דִי זֶענֶען טַאקֶע אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס קוּמְט נֶעמֶען דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, עֶר קוּקְט וָואס עֶר בַּאקוּמְט אִין דִי הַאנְט, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם פְּלַאץ.

## אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין רַאֲיוֹת

דָאס לֵיצָנוּת אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן רַאֲיוֹת אוֹיסְצוּקְלָארְן אוֹיבּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז טַאקֶע אַ צַדִיק... אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אֵיינֶער אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ רַאֲיָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "**וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועט וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה, עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**", אוּן קֵיינֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַזוֹי סַאךְ וִוי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק... אַזַא שְׁטַארְקֶע הַסְתָּרָה אוּן הַעֲלָמָה אִיז גֶעוֶוען בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי רַאֲיָה אוּן יֶענֶע רַאֲיָה, אָבֶּער אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין רַאֲיוֹת, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז, אִיךְ קוּק אוֹיף אֵיין זַאךְ, אִיךְ שְׁטֵיי נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ קֶען דוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן - אִיז דָאס מִיר גֶענוּג.

## אִיךְ וֵייס טַאקֶע נִישְׁט...

אֵיינְמָאל אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען אַ שָׁכֵן מַיינֶע, עֶר זָאגְט מִיר עֶר וִויל רֶעדְן מִיט מִיר, אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר: "**זָאג מִיר פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַוֶועק פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן גֶעגַאנְגֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, וָואס הָאסְטוּ דָארְט בַּאקוּמֶען?**" אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן, וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט הָאט עֶר אַוֶועק גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "**אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען שָׁלוֹם בַּיִת**", זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ שָׁלוֹם בַּיִת, צוּלִיבּ דֶעם דַארְפְסְטוּ נָאכְנִישְׁט גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב", אִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "**אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ שְׁפִּיר אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם דַארְפְסְטוּ נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין קַיין בְּרֶסְלֶב", בִּיז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט, אַז אִיךְ וֵייס טַאקֶע נִישְׁט, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וֵייס אִיךְ, זַייט אִיךְ שְׁטֵיי נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ גֵיי אִיךְ דוּרְךְ דֶעם גָארְטְן זֵייעֶר גְרִינְג, פַארְדֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דוּרְךְ גֵיין דֶעם גָארְטְן, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג צֶעשְׁלָאגְן גֶעוָוארְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן הַיינְט וֶוער אִיךְ מֶער נִישְׁט צֶעשְׁלָאגְן.

## עֶר וֶוערְט נִישְׁט קְרַאנְק פוּן דֶעם

עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ פְּלַאץ וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס אַזַא 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' וִוי מֶען לֶערְנְט אוֹיס אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. מֶען קֶען אַמָאל הֶערְן וִוי גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאגְן: "דוּ מַאכְסְט קְרַאנְק טַאטִי, טַאטִי וֶוערְט קְרַאנְק אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב"; **קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט קְרַאנְק פוּן דֶעם**, קֶען זַיין עֶס שְׁמֶעקְט אִים נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער עֶר וֶוערְט נִישְׁט קְרַאנְק פוּן דֶעם, טַאטֶע מַאמֶע וֵוייסְט גָאר גוּט וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים אוּן וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ אִים מִיט חוּצְפָּה, פוּן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט מֶען נָאר נַחַת. אֲפִילוּ עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען שְׁטְרֶענְג אוּן מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה, **קֶען מֶען אוֹיךְ הֶערְן וִוי דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ דִי זֵיי מִיט אַ זִלְזוּל, מֶען זָאגְט וָואס צוּ טוּן, מֶען לַאכְט אָפּ אוּן מֶען הַאקְט אַרַיין אִינְמִיטְן זֵיי רֶעדְן**, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גָארְטְן פִירְט מֶען זִיךְ אוֹיף גָאר אַנְדֶערְשׁ, מִיט אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ.

## עֶר זָאל מִיר וַוייזְן דֶעם וֶועג

צוּלִיבּ דֶעם אַלֵיין גֶעבּ אִיךְ אִים אָפּ דִי מְלוּכָה, וָואס נָאךְ דַארְף אִיךְ? ווִילַאנְג אִיךְ בִּין דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי פָּאר יָאר, וִויל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּם רֶבִּי'ן עֶר זָאל מִיר וַוייזְן דֶעם וֶועג אִין לֶעבְּן.

## קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט

שַׁבָּת צוּפְרִי רֶעדְט מֶען אַבִּיסְל פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל פְרַייטָאג וִויל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נָאר אַז מֶען זָאל אַרַיין גֵיין אִינֶעם שַׁבָּת אַבִּיסְל אָפְּגֶעקִילְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט, טְרַאכְט אִיךְ אֶפְשָׁר קֶען מֶען נָאךְ רַאטֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת פוּן יֶעצְט. אוֹיבּ מֶען קוּמְט אַהֵיים אוּן מֶען וֵוייסְט אַז 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט', מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ הוֹיז**", "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ**", קֶען מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

### פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פַּארְקֶערְט

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זָאגְן אַז עֶר וִויל זִיךְ גֶט'ן, עֶר קֶען נִישְׁט מֶער זַיין מִיט זַיין וַוייבּ, **"פַּארְוָואס?"** - פְּרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן, עֶנְטְפֶערְט עֶר: "וֶועגְן טוֹיזְנְט סִיבּוֹת, זִי אִיז גֶעפֶערְלִיךְ", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: אִיךְ וֵויים פַּארְוָואס דוּ ווִילְסְט זִיךְ גֶט'ן, וֶועגְן אֵיין זַאךְ, **וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים מָשָׁלְ'סְטוּ זִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי זִי גֵייט דִיךְ אָפְּוַוארְטְן, מִיט אַ גַאנְצֶע 'בָּרוּךְ הַבָּא' וְכוּ'**, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים זֶעסְטוּ אַז זִי הָאט גָארְנִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט, דֶערְפַאר וֶוערְסְטוּ אַנְטוֹישְׁט אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַן עֵצָה, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פַּארְקֶערְט, טְרַאכְט אַז דַיין שְׁטוּבּ קוּקְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי שְׁאֵלָה פוּנֶעם 'גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' דִי וָואךְ, פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אוּן זֶעט דִי טִישׁ אִיז נָאךְ אִיבֶּער גֶעדְרֵייְדְט פוּן נֶעכְטְן, זַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין קִידוּשׁ גֶעמַאכְט מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן זִי שְׁלָאפְט שׁוֹין, קֵיינֶער וַוארְט דִיךְ נִישְׁט אָפּ, יֶעצְט אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מַמָשׁ אַזוֹי, וֶועט דִיר יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער זַיין אַ פַארְגֶענִיגְן, **'בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין וַוייבּ אִיז אוֹיף', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם זִי הָאט שׁוֹין צֶעקְוֶועטְשְׁט דִי אֵייעֶר', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא טְשׁוּלְנְט'**, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

### דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַ מְחַיֶה

אוּן אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מָשָׁלְ'ט זִיךְ אוֹיס אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אִיז עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז יָא דָא, יֶעדֶע זַאךְ אִיז נָאךְ אַ **"יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, אוּן נָאךְ אַ **"יְיַשֵׁר כֹּחַ וַוייבּ"**; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַ מְחַיֶה, וֶוען מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן דֶעם צַדִיק וָואס גֶעבְּט אַרַיין דֶער שֵׂכֶל אִין אוּנְז.

### אִיךְ דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אָבֶּער דִי שָׂרִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דֶעם אַלֵיינְס, זֵיי דַארְפְן אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת; אֵיי, וואוּ אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים מַאכְן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! וואוּ אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיין גַאנְצֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעלִיגְן אִין גֶעלְט, אִין שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער אִין כָּבוֹד, אוּן וֶוערְנְדִיג מְקוֹרָב צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ דֶערְצֵיילְן מוֹפְתִים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי, זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה אַז עֶר גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, דָאס אִיז אַ מוֹפֵת - אַ צֵייכְן; אָדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, מֶען הָאט אִים שׁוֹין גֶעוָואלְט אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן זַיין הוֹיז, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי, זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הָאבְּן גֶעלְט, פּוּנְקְט וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין רֶבִּי'נְס שְׁטוּבּ הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן גֶעוָוארְן רַייךְ.

### נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם!

אִין לִיוּבַּאוִויטְשׁ אִיז דָא דֶער בַּאקַאנְטֶער עוֹשֶׁר, וָואס דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אָפְּקוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶע בַּארְג, אַ פַּארְלָאזְטֶע פֶעלְד, עֶר הָאט עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְן גְרָאבְּן אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן גָאלְד, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בִּילְיָאנֶער, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ מוֹפֵת, אָבֶּער פִיל אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת אִיז, אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן דֶער צַדִיק הֵייבְּט אִים אָן זָאגְן: **"דוּ וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ יָא"**, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, עֶר זִיצְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן טַאנְץ צוּ זִיךְ וואוּסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - **אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם!**

### גֶעוִויזְן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען

אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, הַיינְט זָאגְט עֶר גְמָרָא, עֶר זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר עֶפְּנְט אַ חוּמָשׁ עֶר אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמַאטֶע, אַ צֶערִיסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ קוּק שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מוֹפֵת פוּן דֶעם?!

### דָאס אִיז מַיין שַׁבָּת סֵפֶר

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ לֶעבְּן פוּן שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיט'ן אַנְדֶערְן, וָואס נָאךְ דַארְף מֶען? **עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט דִי גַאנְצֶע סוּגְיָא צִי מֶען הָאט יָא גֶעהַאלְטְן אָדֶער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן**, אִיךְ קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין הַאנְט. אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אָנְפַאנְג פוּן מַיין הִתְקַרְבוּת הָאט מִיר אֵיינֶער פָארְגֶעהַאלְטְן: **"פַארְוָואס פָארְסְטוּ קַיין אוּמַאן, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז דֶען גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן? דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב אִיז דֶען גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן?!"** קוֹדֶם כֹּל, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט יֶעדְן שַׁבָּת גֶעלֶערְנְט 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', עֶר פְלֶעגְט עֶס רוּפְן **"דָאס אִיז מַיין שַׁבָּת סֵפֶר"**, אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט סְתָּם אַזוֹי אִינְמִיטְן דִי וָואךְ דֶעם הֵיילִיג סֵפֶר 'נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ', נָאר שַׁבָּת צוּפְרִי נָאךְ דִי מִקְוֶה - אַלְס גְרוֹיס קְדוּשָׁה, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעטוּן מִיט'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן!

### אִיךְ קוּק אוֹיף זִיךְ

אָבֶּער אִיךְ קוּק אוֹיף זִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶר מַאכְט מִיר קוּמֶען אוּן גֵיין אָן זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע, עֶר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אִיךְ זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה, אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, אִיז מִיר דָאס גֶענוּג אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

### מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַ בְּרֶעין וַואשֶׁער...

אוֹיךְ הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט בִּתְחִלַּת הִתְקַרְבוּתִי אַז מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַ בְּרֶעין וַואשֶׁער (Brainwashed), עֶר הָאט אַ גוּטֶע מוֹיל אוּן פֶּעדֶער, וָואס פַארְכַאפְּט מֶענְטְשְׁן... הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: **"דָאס זוּךְ אִיךְ, אֵיינֶער וָואס הָאט אַ גוּטֶע מוֹיל אוּן פֶּעדֶער; אֵיינֶער וָואס זָאל מִיר גוּט אִיבֶּער רֶעדְן**, זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן סְפָרִים זָאלְן מִיר מַאכְן אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר פַארְכַאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט מִיר דוּרְךְ גֵיין דֶעם גָארְטְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן קַיין רַאֲיוֹת, נָאר שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען בַּאקוּמְט, אוּן אַז מִיר וֶועלְן אַלְץ שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".**

הֶמְשֵׁךְ חֵלֶק שֵׁנִי פוּן פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

## אַ גֶעשְׁמַאק אַהֵיים צוּ גֵיין

דוּרְכְ'ן שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק גֵייט מֶען אַרוֹיס אוֹיךְ פוּן דִי גֶעיָאגֶעכִישׁ מִיט אַ וַוייבּ. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם רוּאִיגֶערְהֵייט, אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק; אֶפְשָׁר דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָּה אִיז נָאךְ גְרִינְג אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק אִיז עֶס יָא מֶעגְלִיךְ, מֶען בַּאקוּמְט אַ גֶעשְׁמַאק אַהֵיים צוּ גֵיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען אִיז מְוַותֵּר, עֶס מֶעג זַיין וִוי אַזוֹי זִי זָאגְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט.

## עֵרוּב טוֹב וָרַע

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אַ דִמְיוֹן אִין קָאפּ **'יֶענֶעמְ'ס פְּרוֹי וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער פַאר מִיר'**, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַלְס בָּחוּר, הָאט יֶעדֶער בָּחוּר גֶעמוּזְט לֶערְנֶען פַאר'ן דַאוֶונֶען חֲסִידִי'ישֶׁע סְפָרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וָואס אַלֶע סְפָרִים בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ, אַז וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת אִיז גֶעוָוארְן אַן "עֵרוּב טוֹב וָרַע", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס מֵיינְט, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין מַגִּיד שִׁיעוּר פְרֶעגְן וָואס דָאס מֵיינְט, אָבֶּער **מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶע הוֹיכֶע וֶוערְטֶער אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אוּנְז**, אוּן מִיר קֶענֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט **"עֵרוּב טוֹב וָרַע"**, אִיז שַׁיָּיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶוערְט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט בַּיים מֶענְטְשׁ דָאס גוּטְס אוּן שְׁלֶעכְטְס, דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, אַנְשְׁטָאט צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וַוייבּ, אִיז עֶר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן אַז זִי אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אוּן יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן, יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ...

## כֹּחַ הַמְדַמֶּה

דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.) דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, הַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף מֶען אִים צוּ גֶעבְּן אַן אַכְטֶע נָאמֶען, אַ נֵייעֶ נָאמֶען: **'כֹּחַ הַמְדַמֶּה'**, עֶר מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס; עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין כֹּחַ הַדִּמְיוֹן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אִין מְצִיאוּת, עֶר זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע עֶס אִיז דָא בֶּעסֶערְס פַאר אִים, נָאר אַז דָאס אִיז מַיינְס - אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער - אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע פַאר מִיר; עֶר זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִיר אוּן נִישְׁט אוֹיף אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל דָאס אִיז פַאר מִיר דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע.

## לֵייג צוּ אַ הַאנְט אִינְדֶערְהֵיים

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, לֵייג צוּ אַ הַאנְט אִינְדֶערְהֵיים, בִּפְרַט יוּנְגֶע קָאפְּלְס; מִיט דִי יָארְן וֶוערְט דִי אַרְבֶּעט גְרִינְגֶער, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער קֶען מֶען זֵיי שׁוֹין בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן, אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אִיז דִי אַרְבֶּעט פִיל שְׁוֶוערֶער, זִי דַארְף אַלֶעס טוּן אַלֵיינְס, דַארְף דֶער מַאן זֶען צוּ הֶעלְפְן, דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

## דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז אַ בַּאלַאגַאן

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר וִוי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט זַיין שַׁבָּת פָארִיגֶע וָואךְ. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, אוּן גֶעזֶען אַז דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז אַ בַּאלַאגַאן, נָאךְ פוּל מִיט מֻקְצֶה זַאכְן, דִי בֶּענְקְלֶעךְ זֶענֶען נָאךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ פוּן אוֹיפְוַואשְׁן דִי עֶרְד פְרִיעֶר, אוּן זַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אַרְבֶּעט. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן אַ פֵייעֶר בַּיי אִים אִין הַארְץ, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי שִׁיעוּרִים, וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר הָאט מְסַדֵּר גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעגְרֵייט דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט זַיין וַוייבּ אוּן גֶעמַאכְט אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה. עֶר שְׁרַייבְּט מִיר: **"אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אִין מַיין לֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע סְעוּדָה, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אַ לַאנְגֶע צַייט; וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דֶער שֵׂכֶל - וָואלְט אִיךְ אַוֶועק גֶעלָאפְן, אִיךְ בִּין דֶען מְחוּיָּב אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם טִישׁ?!"**

## שָׁאלַאכְטְס אוּן בָּאטְלֶעךְ אוֹיפְ'ן טִישׁ

דֶערְצֵיילְט עֶר וַוייטֶער אַז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי סְעוּדָה שְׁפֶּעט, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מִיד, אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אָן אָפְּרוֹימֶען דֶעם טִישׁ, הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל, אוּן אַלֶעס - דִי שָׁאלַאכְטְס אוּן בָּאטְלֶעךְ לִיגְן נָאךְ אוֹיפְ'ן טִישׁ פוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעלָאזְט נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, עֶר בַּאמֶערְקְט אַז זִי הָאט שׁוֹין קִידּוּשׁ גֶעמַאכְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, הָאט עֶר זִיךְ שִׁיעוּר נָאכְאַמָאל פַארְלוֹירְן **"וָואס הֵייסְט, וָואס טוּסְטוּ? קֶענְסְט נִישְׁט צוּזַאמְרוֹימֶען?!"** אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנְט פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אוּן אַלֶעס אָפְּגֶערוֹימְט אוּן אָנְגֶעגְרֵייט, וֶוען אַלֶעס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ ווִילְסְט קוּמֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה?"** אוּן זִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער פַארְבְּרֶענְגְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אַ לַאנְגֶע צַייט. שְׁרַייבְּט עֶר אַז וֶוען נִישְׁט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וָואלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלַאקֶערְן אוּן בְּרֶענֶען אִין אִים קֶעגְן זַיין וַוייבּ, **"וָואס הֵייסְט אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן?!"** אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גָארְטְן, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ חַיִּים טוֹבִים.

## בִּיז צְוֵויי מִינוּט מַאכְן קִידּוּשׁ

אִיךְ הָאבּ אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין צוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, דִי חִיזּוּק פוּן צַדִּיק אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט צוּרִיק שְׁרַייבְּן, וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פַאר'ן אָפְּרוֹימֶען? וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס דִי סְעוּדָה גְרֵייט אִיךְ גְלַייךְ אָן דִי טִישְׁטוּךְ, חַלָּה אוּן זַאלְץ פַאר מָארְגְן, דִי פִישׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס לֵייגְן בַּיינַאכְט וַוייל עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶעלָאזְט בִּיז אִינְדֶערְפְרִי... אָבֶּער וָואס מֶען קֶען גְרֵייט אִיךְ שׁוֹין אָן פוּן בַּיינַאכְט, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, קֶען אִיךְ בִּיז צְוֵויי מִינוּט מַאכְן קִידּוּשׁ.

## אַזוֹי וִוי בְּדִיקַת חָמֵץ...

קֵיינֶער קוּמְט דִיר גָארְנִישְׁט, אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דִי וַוייבּ אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, דִי הוֹיז קוּקְט אוֹיס אַזוֹי וִוי בְּדִיקַת חָמֵץ וָואס מֶען בַּאהַאלְט דִי צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ, אִין יֶעדְן ווִינְקְל פוּן הוֹיז לִיגְן פֶּעמְפֶּערְס... לֵייג דוּ עֶס אִין מִיסְט, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט צַאמְנֶעמֶען דִי הוֹיז.

## אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַנְדֶערֶע

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ אַלְץ הַאלְטְן פְרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן שְׁטֵיין נֶעבְּן רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן בְּרִיוו, אוּן מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעוֵוייניג אִינֶעם גָארְטְן, יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיף זַיין אוֹפָן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַנְדֶערֶע, אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ ווִיסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, יֶעדֶער זָאל קֶענֶען דוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.